## פיניעלע מזיק
### גיט לישון



זי, יאטן, צ׳זעיט, איעך לעיב נאך באכשעם. מיט טאקיש גימיינט, אז איעך על מיעך בא די קיס עסשוכרן? הע, חע, קענט עך גיש פיניע-לען! אז פיניעלע אט זיך גינימע א גידאנקן-לאן אין קאפ אראן צי גיין קא צאמפאט, בין איעך טאקיש גיגאנגע.

א, יאטן, איעך בין טאקיש אין צאמפאט, און ראכטיגן יאם.

צ׳מיינץ עפטשער, אז די היצלעריסטן אבן מיעך גיקנאסט? זאך אזוי בישולים קריק קימען אין שמולן געסעל אראן, וו זיי אבן מיעך באלד גיקנאסט. איינער א גראבער יעקע, א ב-אריש טרעטל, אט אף מיער גיגלאצט מיט זאנע ריין די ארישע שליפיעס. סאט עים גיש געשפאלן דעיר פון פין מאן גראניטורל, זוגט עיר צי מיער מיט אן שנאפלדיקער ביער־שטימע:

— וואס ווינשסט דו קליינער?

וואעס איעך ווינש דיר, אין וואעס אלע יאטן פין שמולן געסעל ווינשן דיר, זאל דיר מיט דאנע אלע קאקענקרייצלער ציקימען צייען מול טאפלט.

מיינט עך, אז עיר אט עפיס פאשטאנע? זאל עיר אזוי לעיבן!

דינועך בין איעך גיגאנגע צין יאם זיכן די ווילקער, ני, מיינט עך עפטשער, אז כאניש גע-פאקט? די ראכטיגע ווילקער כאלערניקיס, צ׳מיינץ עפטשעו אליינט? כ׳שעים מיך צי פערציילן אין וואעס סארע מאמיד כאב זיי גיפאקט. זיי אבן מיעך אכעט גיקנאסט. אבן זיי באלד פאלוירן ס׳ליים, זאבן אפיליק גיוואלט גיין פלייטע, אב איעך זיי נוכגישריגן:

העי, לאזוכעס, יעץ קענט עך שוין קריגן ס׳לויפיניש, צעץ שוין בא מיער סאווי זאן פאר די עלטסטע גיפורע!

ני, אט עך גידארפט זעיען, וו די פלאקענ-שיסערס אבן זיך בא מיער גיבעיטן:

— פיניעלע, פיניש, פינטשוכנא, ד עסט קריגן וואס ד׳ עסט ווען, נאר האלט ס׳מאעל.

ני, אב איעך זיי אפגעיוגט.

— וואעס? מיער גייט עך נעמן אפן האפ-טשיטשאק? ס׳געשפעלט ענק גיש אנדערש, נאר צי די היצלעריסטן מיסט עך ענק קימע באוו עך? צ׳זענט כוילע צי ליגן אין לאדוש אפן סטוב?

א קלאל כאב זיי גיפאקט, די ווילקער שמאלץ-באכער. יעץ אב איעך שוין מעיער ניש קא כיישיק צי בלאבן אין צאמפאט אין כ׳גיי שוין קריק אהיים קא באליט, על איעך מיך נעמען אנגינייזירן די וואלן צין סיים.

זאצץ מיער אלע גיזינט, א גרינסטס פאר גאנץ באליט.

ענקער פיניעלע.

גראף קאלי.

## נחמו, נחמו, עמי!

טרייסט זיך, טרייסט זיך, ליבע ברידער
כאטש עס שטורעמט, דונערט, בליצט,
וואו עס האט דער שווערער גורל
אייך פערווארפען דארט ביז איצט.

צי איהר וואגעלט איבער שיפען
צי איהר וואנדערט מיט דער באהן
צי איהר בויט דארט פאלעסטינע
צי איהר „סטרויעט“ בירא-בידזשאן...

* * *

טרייסט זיך, טרייסט זיך היטלעריסטען
כאטש איהר מאכט אין לאנד א צרה,
ס׳געהט אינגיכען צו יום כפור,
קענט איהר געהן פאר א כפרה...

טרייסט זיך יודישע אקטיארען,
כאטש דאס לעבען ווערט אייך ענגער,
ס׳געהט צו סוכות, מען וועט דארפען
נייע שפילער, נייע „זענגער“...

טרייסט זיך, טרייסט זיך, לאדזער סוחרים
מיט פראטעסטען גאנצע בערגער,
ווייל איהר האט א גוטע האפנונג
אז... עס קען נאך ווערען ערגער...

טרייסט זיך ווייבער אויף די דאטשעס
לאנג פערשניטען איז דער קארן,
כאטש איהר האט נישט וואס צו קייען
דאך זייט איהר „פערברענט געווארן“...

## פאר קבלת שבת
### מיטן צוג קיין שניאווע

אין צוג, וואס געהט פרייטאג פארנאכט קיין שניאווע, הערט מען אזא געשפרעך:

ער: פאניענקא, זעצען זי זיך אויף מיין פלאץ.

זי: דזשענקאיע, כ׳וויל בעסער שטעהען.

ער: יא שטעהען, אבער נישט אויף מיינע אטשיסקעס!..

## א מזל פון א נאכט-סטרוזש

אין מיטען נאכט קלינגט מען אן צום פאברי-קאנט נאזיטיכעל:

— פאניע נאזיטיכעל. ביינאכט האבען זיך אין דער פאבריק אריינבעקומען גנבים און ארויסגע-נומען ס׳גאנצע געלד פון דער קאסע.

— און דער נאכט־סטרוזש? — פרעגט נאזי-טיכעל.

— איהם האט מען צום גליק נישט בעגנב׳עט

— האט דער ביים טעלעפאן געענטפערט.

## מ׳קושט זיך
### „נא צעל דאבראטשינני“

אין קריניצע איז די טעג פארגעקומען א באל „נא צעל דאבראטשינני“. אויף דעם באל האבען די אנוועזענדע דאמען פערקויפט קושען (לשם מצוה, פערשטעהט זיך, אזוי ווי חתן־בראשית, להבדיל...) דאס קוש־געלד איז געגאנגען „נא צעל זאגט איינע פון די געקושטע:

— יא, יא, וואס טוט מען נישט צוליב אמצ׳ה?

— דער, וואס האט אייך געקושט, האט זיך אויך געקויפט א מציה — האט די צווייטע געענט-פערט.

## שמועס וועגן צייז

לעהרער: זאג מיר העניעק, ווי פיל ציין האט א דערוואקסענער מענש?

— 25.

לעהרער: שלעכט און די בעניעק, דו ווייסט ווי פיל ציין האט א דערוואקסענער מענש?

— 26.

לעהרער: שלעכט, זעץ דיך! און דו מאניעק?

— א פיל מויל.

לעהרער: וויפיל ציין האט דיין מאמע?

— דאס דארף מען פרעגען ברילין.



## פייטעל און טרייטעל

פייטעל: די גאזעטען שרייבען, אז דער דאנ-ציגער סענאט האט ארויסגעגעבען א פעראָרדנונג, אריינצולאזען קיין דאנציג חזירים אהן א צאל.

טרייטעל: איך זאג ד״ר, טרייטעל, אז די טרחה פון דאנציגער פרעזידענט איז אן איבעריגע, ווארום ס׳זענען שוין פון לאנג דא אין דאנציג חזירים אהן א צאהל.

* * *

פייטעל: און וואס זאגסטו טרייטעל צו די דייטשע פערלעגער, זיי האבען דאך בעשלאסען, נישט צו האבען קיין שום בעציהונגען מיט יודישע בוך־הענדלער?

טרייטעל: אויף די אייגענע מעשה: זיי וועלען אליין מיט די קעפ פערלעגט?

כעניעלע זאלץ.

## פון קאלומנע
### שמועס אויף דער פליאזשע

— זי האבען געהערט? די פאנגע סטעפא איז נעכטען ארעסטירט געווארען אויף דער פליאזשע, ווייל זי האט שלעכט געטראגען דעם באד־קאסטיום.

— וואו האט זי איהם געטראגען?

— אויף דער האנט!

## געשפרעך
### צווישען א דיקען מיט א דארען

אויף דער גאס טרעפען זיך צוויי יודען: איי-נער א דיקער און דער צווייטער א דארער.

דיקער (צום דארען): ווי פיהלט איהר זיך?

דארער: אזוי ווי די פריהעריגע קאנסטיטוציע און איהר?

דיקער: אזוי ווי די נייע קאנסטיטוציע.

# דער קונדס

הומאר ● סאטירע ●

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק ●

בייל אגע צום „נייעם פאלקסבלאט“ נומער 185
פרייטאג, דעם 9 אויגוסט 1935




אטא דאס איז מיין „איסדערוועהלטע“: כ׳האב נישט קיין אנדער ברירה...

